און ניט חליצה ווייל זיא איז אוועק געגאנגען פון דאנען מיט אזוהן איז זיא געוועזן אין דער חזקה אז זיא דארף ניט יבום און ניט חליצה און איצט זאגט זיא אויך אז זיא דארף ניט חליצה און ניט יבום איז זיא בעגלויבט מת בני ואחר כך מת בעלי אבער אז זיא זאגט מיין זוהן איז געשטארבען נאכדעם איז געשטארבען מיין מאן אז זיא וויל איר מאנס ברודער זאל איר מיבם זיין אינה נאמנת איז זיא ניט בעגלויבט. און איר מאנס ברודער טאר ניט איר נעמען פאר אווייב ווייל זיא איז געוועזן אין דער חזקה אז זיא דארף ניט יבום בלייבט זיא אויף איר חזקה, נאר וחוששים לדבריה מען זארגט צו אירע רייד טאמער איז דאך אמת וויא זיא זאגט, דרום וחולצת ולא מתיבמת נעמט זיא חליצה און אן חליצה טאר זיא ניט נעמען אמאן און מיבם זיין טאר מען איר ניט: ט ניתן לי בן במדינת הים זיא איז אוועק געגאנגען פון דאנען מיט איר מאן אן אקינד און זיא זאגט אין מדינת הים איז מיר געבארין געווארין אזוהן ואמרה מת בני ואחר כך מת בעלי און זיא זאגט פריער איז מיין זוהן געשטארבען נאכדעם איז מיין מאן געשטארבען נאמנת איז זיא בעגלויבט מען זאל איר מיבם זיין, ווייל זיא איז אוועק געגאנגען פון דאנען אן אזוהן איז זיא דאך געוועזן אין דער חזקה מען זאל איר דארפין מיבם זיין איז זיא איצט אויך אין דער זעלביגער חזקה מת בעלי ואחר כך מת בני אז זיא זאגט מיין מאן איז פריער געשטארבען נאכדעם איז מיין זוהן געשטארבען דארף איך ניט יבום און חליצה אינה נאמנת איז זיא ניט בעגלויבט, ווייל אויס ציען פון די חזקה איז זיא ניט בגלויבט וחוששים לדבריה און מען זארגט צו אירע רייד טאמער איז אמת ווי זיא זאגט און מען טאר איר ניט מיבם זיין, נאר וחולצת ולא מתיבמת זיא נעמט חליצה און מיבם זיין טאר מען איר ניט: י ניתן לי יבם במדינת הים אאשה איז אוועק געגאנגען פון דאנען אן קינדער נאר איר מאן האט קיין ברודער געהאט, איז זיא אין דער חזקה אז זיא דארף ניט יבום און ניט חליצה, און איצט זאגט זיא אז אין מדינת הים האט איר שוויגער געבארין אזוהן דאס איז איר מאנס אברודער אמרה מת בעלי ואחר כך מת יבמי און זיא זאגט מיין מאן איז געשטארבען נאכדעם איז דער יבם געשטארבען, אדער זיא זאגט יבמי ואחר כך בעלי פריער איז דער יבם געשטארבען נאכדעם איז מיין מאן געשטארבען נאמנת איז זיא בעגלויבט הלכה היא ובעלה ויבמה למדינת הים אז אאשה מיט איר מאן מיט איר מאנס ברודער זענען געגאנגען אין מדינת הים אמרה מת בעלי ואחר כך מת יבמי און זיא זאגט פריער איז געשטארבען מיין מאן נאכדעם איז געשטארבען מיין שוואגער, אדער זיא זאגט יבמי ואחר כך בעלי פריער איז געשטארבען מיין שוואגער נאכדעם איז געשטארבען מיין מאן אינה נאמנת איז זיא ניט בעגלויבט שאין האשה נאמנת לומר מת יבמי שתנשא וואררום אאשה איז ניט בעגלויבט צו זאגין מיין שוואגער איז געשטארבען זיא זאל מעגין נעמען אמאן ולא און זיא איז ניט בעגלויבט צו זאגין מתה אחותי מיין שוועסטער איז געשטארבען שתכנס לביתו זיא זאל אריין קומען אין איר שוועסטערס מאנס שטוב איר שוואגער זאל איר נעמען פאר אווייב ואין האיש נאמן לומר אמענטש איז ניט בעגלויבט צו זאגין מת אחי מיין ברודער איז געשטארבען שייבם אשתו ער זאל מיבם זיין דעם ברודערס ווייב ולא און ער איז ניט בעגלויבט צו זאגין מתה אשתי מיין ווייב איז געשטארבען שישא אחותה ער זאל נעמען איר שוועסטער:

**נענעתי לו ראשי.** ועבר על גבי והלך לו: **ינענע להן ראשו.** ידחה מפני הסע' ולא יתגר' בהן:

הלכה ה' כלה כלי החיצון ת"ת דמלכות דכריתה השתפא

תניא אמר רבן גמליאל פעם אחת הייתי מהלך בספינה וראיתי ספינה אחת שנשברה והייתי מצטער על תלמיד חכם שבה ומנו רבי עקיבא. ובשעליתי ביבשה בא וישב ודן לפני בהלכה אמרת לו בני מי העלך אמר לי דף של ספינה נזדמן לי וכל גל וגל שבא עלי נענעתי לו ראשי מכאן אמרו חכמים אם יבואו רשעים על אדם ינענע להם ראשו אמרתי באותה שעה כמה גדולים דברי חכמים שאומרים מים שיש להם סוף מותרת ושאין להם סוף אסורה תניא אמר ר' עקיבא פעם אחת הייתי מהלך בספינה וראיתי ספינה אחת שנטרפה בים והייתי מצטער על ת"ח שבה ומנו רבי מאיר ובשעליתי למדינת קפוטקיא בא וישב ודן לפני בהלכה אמרתי לו בני מי העלך אמר לי גל טרדני לחבירו וחבירו לחבירו עד שהקאוני ליבשה אמרתי באותה שעה כמה גדולים דברי חכמים שאמרו מים שיש להם סוף אשתו מותרת

---

תניא אמר רבן גמליאל מיר האבין גילערונט רבן גמליאל זאגט פעם אחת הייתי מהלך בספינה אמאהל בין איך גיפארין מיט אשיף אויף דעם ים וראיתי ספינה אחת שנשברה אונ איך האב גיזעהן אשיף איז צובראכין גיווארין והייתי מצטער על תלמיד חכם שבה האב איך געהאט צער וועגין דעם תלמיד חכם וואס איז גיוועזן אין דיא שיף וואס ער וועט אויך דער טרונקען ווערין ומנו רבי עקיבא דער תלמיד חכם איז גיוועזן רבי עקיבא ובשעליתי ביבשה וועז איך בין ארויף גענאנגען אויף די טריקעניש. ווען איך בין שוין גיוועזן אין דערהיים בא וישב ודן לפני בהלכה איז רבי עקיבא געקומען פאר מיר אונ איז גיזעסין אונ גיקלערט אין אדין אמרתי לו בני מי העלך האב איך גיזאגט צו רבי עקיבא מיין זוהן ווער האט דיך ארויס גענומען פון ים אמר לי האט רבי עקיבא צו מיר גיזאגט דף של ספינה נזדמן לי עס האט זיך גיטראפין פאר מיר אברעט פון אשיף בין איך געשוואמען אויף דיא ברעט וכל גל וגל שבא עלי נענעתי לו ראשי יעדער וואל וואסער וואס איז געקומען אויף מיר האב איך איינגעבויגין דעם קאפ ביז דער וואל איז אריבער גענאנגען מכאן אמרו חכמים פון דאנען האבין דיא חכמים גיזאגט אם יבואו רשעים על האדם אויב רשעים קומען אויף אמענטש זייא זאלין אים טאהן שלעכטס ינענע להם ראשו זאל ער פאר זייא איינבייגין דעם קאפ ביז דיא צרות וועלין אריבער גיין אמרתי באותה שעה דאמאלס האב איך גיזאגט כמה גדולים דברי חכמים וויא גרויס זענען דיא רייד פון דיא חכמים שאומרים מים שיש להם סוף מותרת וואס זייא זאגין אז איינער ווערט דערטרונקען אין וואסער וואס מען זעהט ארויס פון אלע זייטין דעם ברעג. אונ מען האט דעם מענטש ניט גיזעהן ארויס קומען פון וואסער איז געווים אז ער איז דער־טרונקען גיווארין אונ גישטארבין איננווייניג, ווארום אז ער וואלט גילעבט אונ ארויס געקומען פון וואסער וואלט מען דאך אים גיזעהן, אונ אז מען האט אים ניט גיזעהן ארויס קומען, מעג זיין ווייב געמען איין אנדער מאן שאין להם סוף אסורה אבער אז איינער איז דערטרונקען גיווארין אין אוואסער וואס מען זעהט ניט דעם ברעג אין אלע זייטין, אפילו מען האט אים ניט גיזעהן ארויס קומען פון וואסער. פון רעכטסוועגין זיין ווייב טאר ניט נעמען איין אנדער מאן. טאמער איז ער ערגעץ ווייט אוועק געשוואמען אונטער דעם וואסער אונ דארטין איז ער דורך וועלכע סבה ארויס געקומען פון וואסער אונ ער לעבט תניא אמר רבי עקיבא מיר האבין גילערונט רבי עקיבא האט גיזאגט פעם אחת הייתי מהלך בספינה אמאהל בין איך גיפארין אין אשיף וראיתי ספינה אחת שנטרפה בים האב איך גיזעהן וויא אשיף איז דערטרונקען גיווארין אין ים והייתי מצטער על תלמיד חכם שבה האב איך געהאט צער וועגין דעם תלמיד חכם וואס איז גיוועזן אין דיא שיף וואס ער איז אויך דער־טרונקען גיווארין ומנו רבי מאיר דער תלמיד חכם איז גיוועזן רבי מאיר ובשעליתי למדינת קפוטקיא ווען איך בין געקומען אין דיא שטאט קפוטקיא בא וישב ודן לפני בהלכה איז רבי מאיר געקומען פאר מיר אונ איז גיזעסין אונ געקלערט אין אדין אמרתי לו האב איך גיזאגט צו רבי מאיר בני מי העלך מיין זוהן ווער האט דיך ארויס גענומען פון וואסער אמר לי האט רבי מאיר צו מיר גיזאגט גל טרדני לחבירו איין וואל האט מיך גיווארפין צום אנדערין וואל וחבירו לחבירו דער אנדערער וואל האט מיך גיווארפין צו אדריטען וואל עד שהקיאני ליבשה ביז מען האט מיך ארויס גיווארפין אויף דעם ברעג אמרתי באותה שעה דאמאלס האב איך גיזאגט כמה גדולים דברי חכמים ווי גרויס זענען דיא רייד פון די חכמים שאמרו וואס זייא האבין גיזאגט מים שיש להם סוף אשתו מותרת אז איינער ווערט דערטרונקען אין וואסער וואס מען זעהט ארום פון אלע זייטין דעם ברעג, אונ מען האט דעם מענטש ניט גיזעהן ארויס קומען פון וואסער איז געווים אז ער איז דערטרונקען גיווארין אונ גישטארבין אין וואסער, ווארום אז ער וואלט גילעבט אונ ארויס געקומען פון וואסער וואלט מען דאך אים גיזעהן, אונ אז

מען

**ושאין להם סוף אשתו אסורה:**

מען האט איהם ניט געזעהן ארויס קומען, מעג זיין ווייב נעמען איין אנדער מאן שאין להם סוף אשתו אסורה אבער אז איינער איז דערטרונקען געווארין אין אוואסער וואס מען זעהט ניט דעם ברעג אין אלע זייטין, אפילו מען האט איהם ניט געזעהן ארויס קומען פון וואסער, פון דעסט וועגין טאר ניט זיין ווייב נעמען איין אנדער מאן, טאמער איז ער ערגעץ ווייט אוועק געשוואמען און די וואלין האבין איהם געווארפין איין וואל צו דעם אנדערין וואל ביז זייא האבין איהם ארויס געווארפין אויף דעם ברעג אין אוויטע מדינה:

## זוהר בא דף מ׳ ע״ב ת״ת דאצילות יוד הא ואו הא

וישא העם את בצקו טרם יחמץ וגו׳. פקודא בתר דא לספר בשבחא דיציאת מצרים דאיהו חיובא על בר נש לאשתעי בהאי שבחא לעלמין. הכי אוקימנא כל בר נש דאשתעי ביציאת מצרים ובההוא ספירה חדי בחדוה זמין איהו למחדי בשכינתא לעלמא דאתי דהוא חדו מכלא דהאי איהו בר נש דחדי במריה. וקב״ה חדי בההוא ספור. ביה שעתא כניש קודשא בריך הוא, לכל פמלייא דיליה ואמר לון זילו ושמעו ספורא דשבחא דילי דקא משתעי בני וחדאן בפורקני. כדין כלהו מתכנשין ואתיין ומתחברין בהדייהו דישראל ושמעו ספורא דשבחא דקא חדאן בחדוה דפורקנא דמריהון כדין אתיין ואודאן ליה לקודשא בריך הוא על כל אינון נסין וגבורן ואודאן ליה על עמא קדישא דאית ליה בארעא דחדאן בחדוה דפורקנא דמאריהון. כדין אתוסף ליה חילא וגבורתא לעילא. וישראל בההוא ספורא יהבי חילא למאריהון כמלכא דאתוסף חילא וגבורתא כד משבחין גבורתיה ואודאן ליה וכלהו דחלין מקמיה ואסתלק יקריה על כלהו. ובגין כך אית לשבחא ולאשתעי בספור דא כמה דאתמר. כגוונא דא חובה איהו על בר נש לאשתעי תדיר קמי קודשא בריך הוא ולפרסומי ניסא בכל אינון ניסין דעבד. ואי תימא אמאי איהו חובתא והא קב״ה ידע כולא כל מה דהוה ויהוי לבתר דנא אמאי פרסומא דא קמיה על מה דאיהו עבד ואיהו ידע. אלא ודאי אצטריך בר נש לפרסומי ניסא ולאשתעי קמיה בכל מה דאיהו עבד. בגין דאינון מלין סלקין וכל פמליא דלעילא מתכנשין וחמאן לון ואודאן כלהו לקב״ה ואסתלק יקריה עלייהו עילא ותתא. על דא יאות לאודהרא בר נש בכל הני בגין דישתכח עבדא מהימנא קמי קוב״ה:

## יוסף לחק

### מוסר

מלוקט מספרי מוסר

מני שים אדם על לב חטאות נעוריו יחרד האיש וילפת כי על ידי הסתכלות בעריות אותם הצורות נקבעו בדעתו והשטן ויצה״ר מביאם לנגד עיניו תמיד וזה גורם להשחית זרעו והוא עון פלילי הלא תראה ער ואונן שהיו בני ח׳ שנים בני יהודה הצדיק נכדי יעקב אבינו ע״ה בחור שבאבות ונכרתו הגם שהיו נשמות עליונות והוא עון דור המבול. האדם אשר יש לו לב יחשוב כמה וכמה פעמי׳ בא לידי כך ע״י הרהורים

### הלכה פסוקה

הרמב״ם הלכות איסורי ביאה פכ״א

(א) לא יהלכו בנות ישראל פרועי ראש בשוק אחת פנויה ואחת אשת איש. ולא תלך אשה בשוק ובנה אחריה גזירה שמא יתפסו בנה ותלך אחריו להחזירו ויתעללו בה הרשעים שתפסוהו דרך שחוק:

מני שים אדם על לב חטאות נעוריו פון דיא צייט וואס דער מענטש נעמט זיך אין הארצין צו בעטראכטין דיא זינד וואס ער האט געטאהן אין זיין יוגענד יחרד האיש וילפת דארף דער מענטש דערשראקין און פארציטערט ווערין כי על ידי הסתכלות בעריות ווארום וייל ער קוקט אויף דיא ווייבער וואס ער טאר ניט קוקען אויף זייא אותם הצורות נקבעו בדעתו ווערין די צורות אריין גענומען אין זיין מוח והשטן והיצר הרע מביאם לנגד עיניו תמיד דער שטן און דער יצר הרע ברייננגען די צורות שטענדיג פאר זיינע אויגין וזה גורם להשחית זרעו און דאס ברייננגט איהם דיא זרע זאל ארויס גיין פון איהם והוא עון פלילי און דאס איז א שטארקע זינד הלא תראה ער ואונן שהיו בני ח׳ שנים בני יהודה הצדיק נכדי יעקב אבינו עליו השלום בחור שבאבות ונכרתו דו קענסט זעהן ער און אונן זייא זענען אלט געוועזען צו אכט יאהר, זייא זענען געוועזען דיא קינדער פון דעם צדיק יהודה, דיא איינקלאך פון יעקב אבינו וואס ער איז געוועזען דער בעסטער פון די אבות און זייא זענען פארשניטען געווארין פון דער וועלט הגם שהיו נשמות עליונות אפילו זיי זענען געוועזען נשמות פון אגאנץ הויכין ארט והוא עון דור המבול דאס איז געוועזען דיא זינד פון דיא מענטשין וואס אויף זיי איז געקומען דער מבול והאדם אשר יש לו לב דער מענטש וואס האט א הארץ צו בערעכענען יחשוב כמה וכמה פעמים בא לידי כך על ידי הרהורים וועט ער בערעכענען ווי פיל מאהל ער איז געקומען צו די עבירה פון זרע לבטלה דורך זיינע טראכטונגען פון ווייבער והיצר הרע מטעהו:

(א) לא יהלכו בנות ישראל פרועי ראש בשוק יודישע טעכטער זאלין ניט גיין אין גאס מיט אאפגעדעקטין קאפ אחת פנויה ואחת אשת איש סייא זיא איז אלײדיגע זיא האט קיין מאן און סייא זיא האט יא אמאן ולא תלך אשה בשוק ובנה אחריה א אשה זאל ניט גיין אין גאס מיט איר קינד און דאס קינד זאל גיין אינטער איר גזרה שמא יתפסו בנה מיר האבין מורא טאמער וועלין רשעים חאפין דאס קינד ותלך אחריו להחזירו וועט זיא גיין צו די רשעים זייא זאלין איר אוועק געבין דאס קינד ויתעללו בה הרשעים וועלין דיא רשעים מיט איר מזנה זיין שתפסוהו דרך שחוק ווארום זייא

(ב) אסיר להוציא שכבת זרע לבטלה לפיכך לא יהיה אדם דש כבפנים וזורה כבחוץ ולא ישא קטנה שאינה ראויה לילד אבל אלו שמנאפין ביד ומוציאין שכבת זרע לא די להם שאיסור גדול הוא אלא שהעושה זה בנידוי הוא יושב ועליהם נאמר ידיכם דמים מלאו וכאילו הרג את הנפש :

מטעהו שהיה באונס אבל אין בפיהו נכונה כי הוא פושע גמור כי ע"י הסתכלות בעריות בא לידי הרהור ועי"ז הרבה להשחית והרג את בניו וטמא חותמא דמלכא. וגברו רחמיו להאריך אפו אולי ישוב בתשובה ויתמרמר בודוי וחרטה ושב ורפא לו :

האבין געחאפט דאס קינד נאר וועגין דעם גילעבטער. די מוטער זאל מוזין קומען צו זייא אין שטוב אפנעמען דאס קינד דערוייל וועלין זיי מיט איר מזנה זיין : (ב) אסור להוציא שכבת זרע לבטלה מען טאר ניט אויסציהען פון זיך זרע אויב עס איז ניט צו האבין קינדער לפיכך לא יהיה אדם דש כבפנים וזורה כבחוץ דריבער ווען אמענטש בהעפט זיך מיט זיין ווייב און ער זעהט עס דארף שוין פון אים ארויס גיין דיא זרע זאל ער ניט ארויס נעמען דעם גליד און אויס גיסען די זרע אויסער איר ולא ישא קטנה שאינה ראויה לילד און ער זאל ניט נעמין אווייב אזעלכע וואס איז נאך אקינד וואס זיא קען נאך קיין קינדער האבין אבל אלו שמנאפין ביד ומוציאין שכבת זרע דיא מענטשין וואס זענען מזנה מיט דיא הענט און ציהען ארויס פון זיך זרע לא די להם שאיסור גדול הוא ניט גענוג פאר זייא וואס דער איסור איז גרויס אלא שהעושה זה בנידוי הוא יושב נאר דער וואס טוהט דאס איז ער אין חרם ועליהם נאמר אויף זייא איז גיזאגט גיווארין ידיכם דמים מלאו אייערע הענט זענען פול מיט בלוט וכאילו הרג את הנפש און עס איז גלייך ווי ער וואלט געהרגעט אמענטש ווארום פון דיא זרע וואלט דאך גיבארין גיווארין אקינד :

מטעהו שהיה באונס און דער יצר הרע נארט אים און זאגט אים ער זאל ניט זארגין וועגין דיא עבירה די זרע איז ארויס געגאנגען פון אים ניט ווילענדיג אבל אין בפיהו נכונה אבער דער יצר הרע זאגט ניט ריכטיג כי הוא פושע גמור ווארום ער איז אאמתר זינדיגער ווייל דער מענטש אליין האט אויף זיך געברייננגט דיא זינד כי על ידי הסתכלות בעריות בא לידי הרהור ווייל ער האט געקוקט אויף ווייבער וואס זענען אסור צו אים, דריבער האט ער גיטראכט אין זייא ועל ידי זה הרבה להשחית און דורך דעם טראכטונג איז פון אים ארוים געגאנגען זרע והרג את בניו און ער האט געהרגעט זיינע קינדער וטמא חותמא דמלכא און ער האט מטמא גיוועזן די חתימה פון מלך הקדוש ברוך הוא דאס איז דער ברית מילה וגברו רחמיו להאריך אפו די רחמנות פון גאט האבין זיך געשטארקט אויף אים ער זאל איין האלטין זיין כעס אולי ישוב בתשובה טאמער וועט ער טאהן תשובה ויתמרמר בודוי וחרטה און ער וועט זיך פארביטערין מיט ודוי און חרטה ושב ורפא לו און ער וועט טאהן תשובה וועט ער געהיילט ווערין :

# בא יום ד תורה

אונקלוס

להמשיך מת"ת דו"א יהוה נפש י יה יהו יהוה רוח יוד הא ואו הא נשמה יהוה חיה יחידה ד' דמלוי ו"ן אל שם ב"ן שבעשיה בניקוד חולם :

טו ואוחי פרעה למיקרי למשה ולאהרן ואמר חבית קדם יי אלהכון ולכון: יז וכען שבוק כען

טז וימהר פרעה לקרא למשה ולאהרן ויאמר חטאתי ליהוה אלהיכם ולכם: יז ועתה שא נא

בקשת פרעה על חטאיו

(טז) ויאמר חטאתי לה' אלהיכם ולכם. ועתה שא נא חטאתי וגו'. כי פרעה מלא בעלמו שחטא לה' ולמשה ואהרן. אבל מ"מ העיקר היה אלא משה. ולא ידעו כי אם מפי משה. ואת אהרן רצה כי הוא רק לפה. כי את ה' לא ראה

פירוש לתורת אלהים

(טז) וימהר האט פרעה געאיילט און האט גילאזט רופין משה מיט אהרן ויאמר און האט גיזאגט צו זייא חטאתי איך האב געזינדיגט צו אייער גאט און צו אייך : (יז) ועתה און אצונד שא בעט איך

משלי חכמים

ציטונג, איך האב געשריבען, ווער עס וועט מיר ברייננגען דעם פינגעריל, אפילו דער גנב וועט אים ברייננגען און וועט מורה

ספר הישר

צו אברהם אבינו, דיא יודין האבין ניט גיוואלט ארויס גיין פון מצרים ביא נאכט, זייא האבין גיזאגט מיר ווילען ניט ארויס גיין ביא נאכט וויא גנבים, און זייא האבין געוואדט אין מצרים ביז אין דער פריה. משה איז דערווייל געגאנגען צום טייך נילוס און האט ארויס געגומען פון טייך

חַטָּאתִי אַךְ הַפַּעַם וְהַעְתִּירוּ לַיהוָה
אֱלֹהֵיכֶם וְיָסֵר מֵעָלַי רַק אֶת־הַמָּוֶת
הַזֶּה׃ יח וַיֵּצֵא מֵעִם פַּרְעֹה וַיֶּעְתַּר
אֶל־יְהוָה׃ יט וַיַּהֲפֹךְ יְהוָה רֽוּחַ־יָם
חָזָק מְאֹד וַיִּשָּׂא אֶת־הָאַרְבֶּה
וַיִּתְקָעֵהוּ יָמָּה סּוּף לֹא נִשְׁאַר אַרְבֶּה
אֶחָד בְּכֹל גְּבוּל מִצְרָיִם׃ כ וַיְחַזֵּק
יְהוָה אֶת־לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שִׁלַּח אֶת־
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ פ כא וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־

## אונקלוס

חוֹבִי בְּרַם זִמְנָא הָדָא
וְצַלּוֹ קֳדָם יְיָ אֱלָהֲכוֹן
וְיַעְדֵּי מִנִּי לְחוֹד יָת מוֹתָא
הָדֵין׃ יח וּנְפַק מִלְּוָת
פַּרְעֹה וְצַלִּי קֳדָם יְיָ׃
יט וַהֲפַךְ יְיָ רוּחַ מַעַרְבָא
תַּקִּיף לַחֲדָא וּנְטַל יָת
גּוֹבָא וּרְמָהִי לְיַמָּא דְסוּף
לָא אִשְׁתְּאַר גּוֹבָא חַד
בְּכָל תְּחוּם מִצְרָיִם׃
כ וְתַקֵּיף יְיָ יָת לִבָּא
דְפַרְעֹה וְלָא שַׁלַּח יָת
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ כא וַאֲמַר יְיָ

### רשב״ם

(יט) **ויהפך ה׳ רוח ים.** כי רוח הקדים הביאו מן

### בעל הטורים

(יז) ויסר. ג׳ במסור׳ דין ואידך ויסר הצפרדעים ויסר מעלינו את שנחש מלמד שעם הצפרדעים ועם הארבה היו נחשים והיו ממיתים בהם ע״כ אמר ויסר מעלי את המות:

### שפתי חכמים

מ ר״ל מדכתיב לעיל וישא את הארבה גו׳ ל״ל עוד לא נשאר ארבה א׳ וגו׳ ובכי ערוב לא הוצרך הקרא לגלות שאף המלוחים לא

### רש״י

(יט) **רוח ים.** רוח מערבי: **ימה סוף.** אומר אני שים סוף היה מקצתו במערב כנגד **כל** רוח דרומית וגם במזרחה של א״י לפיכך רוח ים תקעו לארבה בימה סוף כנגדו. וכן מצינו לענין תחומין שהיא פונה לצד מזרח שנאמר (שמות כג) מים סוף ועד ים פלשתים ממזרח למערב שים פלשתים במערב היה שנאמר **בפלשתים** (צפניה ב) יושבי חבל הים גוי כרתים: **לא נשאר ארבה אחד.** אף המלוחים מ שמלחו מהם (ב״ר):

### בקשת פרעה על חטאיו

למשה. ע״כ תחלה אמר חטאתי לה׳ אלהיכם ולכם. וכו׳ את משה ואהרן בתכת לכם. ואח״כ חזר ואמר למשה לבדו ועתה שא נא חטאתי. אך הפעם. כי לך לא חטאתי רק פעם אחת. אשר גרשתיך מאת פני. מחול לי על עון זה:

### פירוש לתורת אלהים

דיך זייא מיר מוחל מיינע זינד נאר דאס מאהל וְהַעְתִּירוּ אונ בעט גאט אייער גאט וְיָסֵר מֵעָלַי אונ ער זאל פון מיר אפ טאהן רַק נאר דעם טויט דעם היישעריק: (יח) וַיֵּצֵא איז משה מיט אהרן ארויס גיגאנגען פון פרעה וַיֶּעְתַּר אונ משה האט גיבעטין צו גאט: (יט) וַיַּהֲפֹךְ יְיָ האט גאט פאר קערט וואָרום אַמִזְרָח ווינד האט גיבראכט דעם היישעריק אונ היינט האט גאט פאר קערט אונ האט געשיקט רוּחַ אווינט פון מַעֲרָב זייט זייער אשטארקין וַיִּשָּׂא אונ ער האט אוועק גיטראגין דעם היישעריק וַיִּתְקָעֵהוּ אונ ער האט אים אריין גיווארפין יָמָּה סוּף אין ים סוף לא עס איז ניט געבליבען אפילו איין היישעריק אין גאנצין לאנד מצרים, [רש״י שרייבט אפילו דיא היישעריקען וואס דיא מצרים האבין גיהרגת אונ האבין איין גיזאלצין זייא צו עסין האט דער ווינט זייא אויך אוועק גיטראגין פון מצרים]: (כ) וַיְחַזֵּק יְיָ האט גאט גישטארקט דאס הארץ פון פרעה וְלֹא אונ האט ניט גיוואלט שיקען דיא ישראל: (כא) וַיֹּאמֶר יְיָ האט גאט גיזאגט צו משה

### ספר הישר

טייך דעם קאסטין וואס אין אים איז גילעגין יוסף אונ האט אים גענומען מיט זיך, אונ אלע יודין האבין מיט גענומען אלע קאסטינס וואס אין זיי זענען געלעגין זייערע אלטערין אונ אלע שבטים, דיא צוועלף קינדער פון יעקב אבינו, ראובן שמעון אונ אזוי ווייטער, די יודין האבין געצויגין פון רעמסס ביז די שטאט סוכות, זעקס מאהל הונדערט

### משלי חכמים

זיין אז ער האט גענבה׳ט אונ ער האט חרטה אויף דער גניבה, אונ גיט אים מיר צוריק, וועל איך אים געבין טויזענד רובל״, אבער דו האסט דען מיר גיוואלט געבין דעם פינגעריל, דו האסט דאך גיוואלט געבין דעם פינגעריל צו א גנב, אונ דער פינגעריל זאל נאכדעם בלייבין בייא דיר אונ בייא דעם גנב, אונ איך זאל דעם פינגעריל קיין מאהל האבין, דו האסט מיר גיוואלט געבין דאס פינגעריל ווייל דו האסט גימיינט איך בין דער גנב, נאר פון דעסטוועגין ווען איך וואלט גענומען דאס פינגעריל פון דיין האנט, וואלסטו געהאט א שנאה פאר דער וועלט, דו האסט מיר גיגעבין דאס פינגעריל אונ איך גיב דיר גיט די טויזענד רובל, אפילו די מענה איז אזאלכע. דריבער

האב

למשה ארים ידך על צית שמיא ויהי חשוכא על ארעא דמצרים בתר דיעדי קביל ליליא :

משה נטה ידך על־השמים ויהי חשך על־ארץ מצרים וימש חשך :

## רשב״ם

הים ורוח מערבי החזירו לים : (כא) וימש חשך. כמו ולא יהל שם ערבי כמו לא יאהל. כלו׳ החשך של לילה יאמיש ויאפיל זמן מרובה שלא האירה לילה עד ג׳ ימים :

## רש״י

(כא) וימש חשך. ויחשיך עליהם חשך יותר מחשכו של לילה וחשך של לילה יאמיש ויחשיך עוד: וימש. כמו ויאמש יש לנו תיבות הרבה חסרות אל״ף לפי שאין הכרת האל״ף נכרת כ״כ אין הכתוב מקפיד על חסרונה כגון (ישעיה יג) לא יהל שם ערבי כמו לא יאהל לא יטה אהלו וכן (ש״ב כב) ותזרני חיל כמו ותאזרני ואונקלוס תרגם לשון הסרה כמו לא ימיש בתר דיעדי קבל ליליא ע כשיגיע סמוך לאור היום. אבל אין הדבור מיושב על הוי״ו של וימש לפי שהוא כתיב אחר ויהי חשך. ומ״א פותרו לשון (דברים כח) ממשש בצהרים שהיה כפול ומכופל ועב עד שהיה בו ממש :

## שפתי חכמים

נשארו כיון שהם חיות טורפים בודאי לא היו לדין אימן מפחד : ב פירוש וימש חושך משמע שאותו של אמש היה כאן ובקרא משמע שהיתה מכה מחודשת בחושך ולא של לילה ועז״פ יותר וכו׳ : ם רצונו לומר כמו אמש דהיינו לילה דעל יום שעבר אומרים אתמול ועל לילה שעברה אומרים אמש : ע פירוש אחר שהסיר חושך של לילה והתחיל היום כאותו זמן התחיל אותו חושך :

## ענין החושך

(כא) ויהי חושך על ארץ מצרים וימש חושך. הספ״כ כתב שהחשך של מצרים היתה בריאה חדשה [ר״ל כאותו החשך שהיה קודם שנבראת האור] לא כאשר חשך אבר הוא אפיסת אור שכאשר תבא השמש ותעדר זריחת אורה יהיה חשך. רק בריאה חדשה נהיתה. כי השמש תזרח בשמים אורה כגבורתה. ועל ישראל ועל כל הארצות תופיע אורה. רק בארץ מצרים הי׳ החשך. והיו שני הפכים בנושא אחד. השמש תורח ממעל. ועל הארץ היה חשך אפלה. וזה כונת דוד המלך ע״ה שלח חשך ויחשיך. לא כאשר חשך שאינה בריאה רק אפיסת אור אבל שלח החשך כבריאה חדשה ותחשך הארץ. ולא מרו את דברו. השמש תהל אור ממעל והחשך מתחת ושניהם לא מרו את דברו. ע״כ היה ממש כחשך ההוא שהרגישו בו כחוש המישוש ועבור זה לא קמו איש תחתיו. ותיבת מרו הוא לשון תמורה. ר״ל האור והחשך לא החליפו ההנהגה התמידית רק בריאה חדשה נהיתה. כי האיר היום כדרכו תמיד והחשך יחשיך כעלם היום וזה היה חוץ לטבע :

## פירוש להורת אלהים

נטה ידך על השמים גייג דיין האנד אקעגין דעם הימעל ויהי חשך על ארץ מצרים עס זאל זיין פינצטער אויף דעם לאנד מצרים וימש חשך אונ דאס פינצטערניש זאל מען קענען אן טאפין :

## משלי חכמים

האב איך פון דיר געלאבט אונ האב דאס פינגערל ניט געוואלט נעמען, נאר דו האסט איהם בגראבין, דו זאלסט איהם נאך דעם מישפט צוריק ארויס געבען אונ ער זאל בלייבין ביא דיר, אונ ביידע קנעכט האבין איהם פריער ארויס גענומען, פאר וואס קומט דיר טויזענד רובל, פארקערט, די ביים ווייטער אננב אונ עס קומט דיר מען זאל דיך שלאגין, דאס געלביגע איז געווען ביא פרעה, פרעה האט געהאט אטענה, נאט האט אביין געפירט

## ספר הישר

טויזענד יודין גרויסע מענטשין אויסער קינדער אונ ווייבער אונ פיל מצריים זענען געגאנגען מיט דיא יודין אונ פיל בהמות, די מחנה איז געווען זייער גרויס, די יודין האבין געארבעט אין מצרים צוויא הונדערט מיט צעהן יאהר דעם פופצענטין טאג אין חדש ניסן אין דער פריה זענען דיא יודין ארויס געגאנגען פון מצרים אונ האבין גערוהט אין דעם ארט וואס הייסט סוכות, דרייא טעג זענען דיא מצריים געווען בעשעפטיגט צו בגראבין דיא געשטארבענע בכורים, דיא יודין האבין געצויגין פון סוכות אונ האבין גערוהט אין איתם ביא דעם אנהייב מדבר :

## תרגום　　נביאים ירמיה מו

להמשיך בנ״ה דה א צבאות נפש צ צב צבא צבאו צבאות רוח יהוה נשמה דנצח אדני נשמה דהוד יהוה חיה יחידה דנצח יהוה חיה יחידה דהוד אל שם ב״ן שבעשיה :

א את לא תדחל עבדי יעקב אמר יי ארי בסעדך מימרי ארי אעביד גמירא בכל עממיא די אגליתך לתמן ועמך לא אעביד גמירא ואיתי עלך יסורין לאלפותך ברם בדין חסוך ושיצאה לא

א אתה אל־תירא עבדי יעקב נאם־יהוה כי אתך אני כי אעשה כלה בכל־הגוים | אשר הדחתיך שמה ואתך לא־אעשה כלה ויסרתיך למשפט

## רש״י

(א) ויסרתיך למשפט. מעט מעט:

## מצודת דוד

(א) כי אעשה כלה. ר״ל אף אם אעשה כלה בכל הגוים ומ׳ הנה אותך לא אכלה עם כי תהיה ביניהם : ויסרתיך למשפט. אייסר אותך כמשפט הראוי לגלות אין למוסר ולא אנקה אותך מן הכל כ״ש שיראה העולם נקי ממך ר״ל לא אכריתך מן

וְנַקֵּה לֹא־אֲנַקֶּךָּ׃ ב אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־
יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־פְּלִשְׁתִּים בְּטֶרֶם יַכֶּה פַּרְעֹה
אֶת־עַזָּה׃ ג כֹּה | אָמַר יְהוָה הִנֵּה־מַיִם עֹלִים מִצָּפוֹן
וְהָיוּ לְנַחַל שׁוֹטֵף וְיִשְׁטְפוּ אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ עִיר וְיֹשְׁבֵי
בָהּ וְזָעֲקוּ הָאָדָם וְהֵילִל כֹּל יוֹשֵׁב הָאָרֶץ׃ ד מִקּוֹל
שַׁעֲטַת פַּרְסוֹת אַבִּירָיו מֵרַעַשׁ לְרִכְבּוֹ הֲמוֹן גַּלְגִּלָּיו
לֹא־הִפְנוּ אָבוֹת אֶל־בָּנִים מֵרִפְיוֹן יָדָיִם׃ ה עַל־
הַיּוֹם הַבָּא לִשְׁדוֹד אֶת־כָּל־פְּלִשְׁתִּים לְהַכְרִית
לְצֹר וּלְצִידוֹן כֹּל שָׂרִיד עֹזֵר כִּי־שֹׁדֵד יְהוָה אֶת־
פְּלִשְׁתִּים שְׁאֵרִית אִי כַפְתּוֹר׃ ו בָּאָה קָרְחָה אֶל־
עַזָּה נִדְמְתָה אַשְׁקְלוֹן שְׁאֵרִית עִמְקָם עַד־מָתַי
תִּתְגּוֹדָדִי׃

## תרגום

אשיצנך: ב דהוה פתגם
נבואה מן קדם יי עם ירמיה
נביא על פלשתאי עד לא
ייתי פרעה וימחי ית יתבי
עזה: ג כדנן אמר יי הא
עממיא אתן מצפונא ניהון
כנחל מגבר ויבזון ארעא
ומלאה קרויא ודיתבין בהון
ויצוחון בני אנשא ויילילון כל
יתבי ארעא: ד מקל מפסועית
פרסת גברוהי מזיע לרתיכוהי
אתרגושת גלגלוהי לא מתפנן
אבהן לרחמא על בנין
מאתרשלות ידין: ה על יומא
דאתי למיבז ית כל ארעא
פלשתאי לשיצאה לצור
ולצידון כל שאר סעיד ארי
אביז יי ית ארעא פלשתאי שאר נגות קפוטקאי: ו מטת פורענותא ליתבי עזה אתברו אשקלנאי
שאר תוקפיהון עד אימתי תתהממון:

## מצודת דוד

מן העולם: (ב) את עזה. היא סיתה מארץ פלשתים ופרעה הכה אותה בעת שחזר מדרכו שרלה ללכת לעזור לישראל מול הכשדים כ"כ בס"ע: (ג) הנה מים וכו'. הם הכשדי' היושבים בלפון השוטפים כמים רבים: והיה לנחל שוטף וגו'. ר"ל יאבדו ויכלו ארץ פלשתים והאנשים הממלאים אותה: עיר. כל עיר ועיר והיושבים בה: וזעקו. ילעקו בקול מר: (ד) מקול שעטת. מקול פסיעות פרסות סוסיו החזקים ומהרעשת קול שיהיה לרכבו ומקול המיית גלגלי המרכבות יאחוס חלחלה עד לא יפנו אבות על בנים להצילם כי ירפו ידיהם ויתיאשו מן ההצלה: (ה) על היום הבא. מוסב למקרא של מעלה לומר רפיון הידים יהיה בעבור היום ההוא הבא לשדוד את כל פלשתים: לצור ולצידון. גם המה מארץ פלשתים: כל שריד עוזר. ר"ל לא ישאר מי שיוכל לעזור במלחמה כי לא ישאר מהן כי אם נשים וטף: כי שודד ה'. ר"ל בהשגחת המקום יבא להן השודד: שארית אי כפתור. ר"ל אף השארית ישודד כי לא ישאר מה מאי כפתור וגם היא מארץ פלשתים: (ו) באה קרחה. ר"ל הנה מעזה נתלש השער מכל וכל ונשארה מוקרחת ר"ל לא נשאר כלום ממנה כי פעם יכה פרעה ופעם נ"נ: נדמתה אשקלון. נכרתה אשקלון אף השארית מהיושבים בעמקים עם כי רבים היו: עד מתי תתגודדי. עד מתי תשרטי בשרך מחמת לער והאבל כאומר הנה מאז התגודד' ממכת פרעה ועתה שנית ממכת נ"נ ועד מתי תתגודדי עוד ואמר בענין מלילת המקונני':

## רש"י

ונקה לא אנקך. לא אשמיד אותך: (ב) אל פלשתים. על פלשתים: (ג) והילל. ל' יללה וזעקה: (ד) שעטת. פסיעות: מרעש. אשר לרכבו: גלגליו. אופן מרכבותיו: (ה) אי כפתור. איי כפתור: (ו) נדמתה. נכרתה: תתגודדי. תשרטי באבל ובבכי:

## כתובים משלי יד

## תרגום

להמשיך מיסוד ומלכות דז"א שין נפש שין שין דלת שין דלת יוד רוח יאהדונהי נשמה דיסוד א אד־
אדנ אדני נפש אדני רוח אלף דלת נון יוד נשמה דמלכות יו הו וו הו חיה יחידה דיסוד יְהוָֹה חיה יחידה
דמלכות אל שם ב"ן שבעשיה

א חָכְמַת עָרוּם הָבִין דַּרְכּוֹ וְאִוֶּלֶת כְּסִילִים מִרְמָה׃ ב אֱוִלִים
יָלִיץ אָשָׁם וּבֵין יְשָׁרִים רָצוֹן׃ ג לֵב יוֹדֵעַ מָרַּת נַפְשׁוֹ

א חכמתא דעריםא ביונא
דארחא ושטיותא דסכלי
רמיותא: ב כסילי מתלין
בחטאה ובינת תריצי רעותא: ג לבא ידיע מרירותא דנפשיה

## מצודת דוד

(א) חכמת ערום. יסוד חכמת הערום הוא להבין דרכו לכל יעשה כפי ההזדמן ויסוד אולת הכסילים הוא לעשות המרמה שחשב כי לא יעשו גם המה כפי ההזדמן: (ב) יליץ אשם. האשם שמביא הוא תליץ עליו להתכפר על מעלו אבל בין ישרים יש ויש רלון ה' ומבלי קרבן: (ג) לב יודע. לבו של

## רש"י

(א) חכמת ערום. הוא שהוא חכם להבין דרכו: ואולת כסילים. היא המרמה שלהם: (ב) אוילים יליץ אשם. לריכין לתת ממון למי שחטאו לו: (ג) מרת נפשו. טרחו ויגיעו שעמל בתורה:

## פירוש ע"ט

(א) חָכְמַת עָרוּם הָבִין דַּרְכּוֹ די חכמה פון אחכם איז ער זאל פארשטיין זיין וועג, זיין פירונג, ער זאל וויסען וואס ער טוהט וְאִוֶּלֶת כְּסִילִים מִרְמָה דיא נארעשקייט פון דיא נארען איז זייערע פאלשקייט וואס זייא ווילען טאהן:

(ב) אֱוִלִים יָלִיץ אָשָׁם ווען עס זיצען עטליכע נארען (רשעים) צו זאמען, דער מויל זייערע איז דיא עבירה, ווייל אלע טוהען איין ערליי זינד, דיא זינד בהעפט זייערע הערצער איינע צו דיא אנדערע, גלייך ווי דער זינד רעט פון זייערטוועגין

בחדותיה לא מתערב נוכראה: ד ביתא דרשיעי ישתצי ומשכנא דתריצי מפריח: ה אית אורחא דסברין בני נשא דתריצא היא וסופא אורחא דמותא: ו אף בגוחכא נכאב לבא וסופא דחדותא המוצא:

ובשמחתו לא־יתערב זר: ד בית רשעים ישמד ואהל ישרים יפריח: ה יש דרך ישר לפני־איש ואחריתה דרכי־מות: ו גם־בשחק יכאב־לב ואחריתה שמחה תוגה:

### רש״י

ובשמחתו לא יתערב זר. כשיקבל שכרו לעתיד: (ה) יש דרך ישר לפני איש. העושה עבירה: (ו) גם בשחוק. הקב״ה משחק עמהם בעולם הזה יכאיב לבם לעתיד לבא:

### מצודת דוד

האדם יודע ומרגיש במרירות נפשו בעמל התורה ואין זולתו מרגיש בצערו של זה ולכך בשמחתו בעת קבול השכר לא יתערב זר לחלוק בו כי לבדו יקבל שכרו משלם: (ד) בית. ר״ל עם שהוא בנין חזק וכדרך הבית: ואהל. עם שהוא עראי כדרך האהל אבל מקום יפריח ויעלה מעלה מעלה: (ה) ישר לפני איש. נראה בעיניו כי ישר הוא: ואחריתה. אבל סוף הדבר הוא מדרכי המות: (ו) גם בשחוק. אפי׳ בעבור רבוי השחוק עם כי לא עבר בזה על מצות ה׳ מכל מקום יכאב לבו בעת יקבל הגמול על שפכה לבו לבטלה: ואחריתה. ר״ל א״כ סופה תהיה אשר השמחה תהפך לתוגה:

### פירוש ע״ט

זייא זאלין ליב האבין איינער דעם אנדערין ובין ישרים רצון אונ ווען פרומע מענטשין זיצען צו זאמען, דער מליץ זייערער איז וואס אלע טוהען גליך דעם ווילען פון הקב״ה, דאס בהעפט זייערע הארצער איינע צו דיא אנדערע: (ג) לב יודע מרת נפשו דער רשע ווייס דיא ביטערקייט פון זיין נשמה, ער ווייס ער איז אזינדיגער ובשמחתו לא יתערב זר אונ אין די שמחה פון צדיק קען זיך אויך קיין פרעמדער אריין מישען, ווייל זיין שמחה איז אאינווייניגסטע שמחה, דיא שמחה פיהלט גאר זיין אייגענע הארץ: (ד) בית רשעים ישמד דיא שטוב פון דיא רשעים וועט פארטיליגט ווערין ואהל ישרים יפרית אונ דער גיצאלט פון די פרומע וועט בליהען: (ה) יש דרך ישר לפני איש דער מענטש סיינט אמאהל זיין וועג איז גליך אונ גוט ואחריתה דרכי מות דער סוף פון דעם וועג פירט אמאהל דעם מענטש צום טויט: (ו) גם בשחוק יכאב לב אפילו דו זעהסט דער רשע לאכט אונ איז פריילין, פון דעסטוועגין זאלסטו וויסען אז אים שמערצט זיין הארץ, ווייל ער ווייס ואחריתה שמחה תוגה דער סוף פון זיין שמחה וועט זיין טרויערקייט:

### עיקר תוי״ט | משנה בבא מציעא פרק ה | ברטנורא

(א) דכתיב את כספך לא תתן לו בנשך ובמרבית לא תתן אכלך ולא כתיב את כספך לא תתן לו בנשך ואכלך במרבית קרי ביה הכי את כספך לא תתן לו בנשך ובמרבית ובנשך ובמרבית לא תתן אכלך ולמה חלקן הכתוב לעבור עליו בב׳ לאוין. גמ׳: (ב) רש״י כ״ל דלא טעמא דקרא קאמרי ולא קאי אפירות אלא אהלואת כרף וכלו׳ דמרבית דקרא קאי נמי עליה וכן בגמרא מי איכא נשך בלא תרבית. ועתוי״ט: (ג) וחלקן בשמות דלריבית דאורייתא קורא נשך

כלי אמלעי דכלא דמלכות דיליה א אל

פרק ה א איזהו נשך ואיזהו תרבית. איזהו נשך. המלוה סלע בחמשה דנרין סאתים חטין בשלשה (גמ׳ אסור) מפני שהוא נושך. ואיזהו תרבית. המרבה בפירות. כיצד לקח הימנו חטין בדינר זהב הכור.

פרק ה א איזהו נשך. שהוא נושך דשקיל מיניה מאי דלא יהיב ליה: המרבה בפירות. המרבה שכר לעצמו בפירות ובין בהלוא׳ כסף. ובין בהלואת פירו׳ הוי ריבית (א) שהרי מתרבה ממונו (ב) אלא דבסיפא ריבית דרבנן קמפרש שהוא דרך מקח וממכר (ג): דינר זהב. כ״ה דינר כסף

אין דיא תורה שטייט „את כספך לא תתן לו בנשך” דיין געלט זאלסטו ניט געבין צו דיין חבר, אז דו זאלסט אים בייסין, דו זאלסט נעמען פון דיין חבר וואס דו האסט אים ניט גיגעבין, דאס הייסט געביסין [טארסטו ניט], „ובמרבית לא תתן אכלך” דיין עסינווארג זאלסטו ניט געבין צו דיין חבר, אז דיר זאל גימעהרט ווערין, דו זאלסט האבין מעהר וויא דו האסט אים גיגעבין טארסטו ניט, זאגט דיא משנה.

פרק ה א איזהו נשך וועלכעס הייסט געביסען וואס מען טאר ניט ואיזהו תרבית אונ וועלכעס הייסט גימערט ווערין וואס מען טאר ניט איזהו נשך וועלכעס הייסט געביסען זיין חבר וואס מען טאר ניט המלוה סלע בחמשה דנרין ער פאר בארגט אטאלער [דאס איז פיר גילדין] מען זאל אים אפ געבין פינף גילדין סאתים חטים בשלש ער פאר בארגט צוויי סאה ווייץ מען זאל אים אפ געבין דריי סאה, דאס טאר מען ניט מפני שהוא נושך ווייל ער בייסט אים, ער נעמט ביי אים וואס ער האט אים ניט גיגעבין ואיזהו תרבית אונ וועלכעס הייסט זיך גימערט וואס מען טאר ניט המרבה בפירות ער מערט זיך פארדינסט דורך פירות כיצד וויא אזוי לקח הימנו חטין בדינר זהב הכור ראובן האט גימאכט מיט שמעון ער זאל אים געבין אגאנץ יאהר ווייץ אויף דעם מקח

ארי׳ ד״ל

וכן השער. עמדו חטין בל' דינרין. אמר לו תן לי חטין שאני רוצה למכרן. וליקח בהן יין. אמר לו הרי חטיך עשויות עלי בל' דינרין. והרי לך אצלי בהן יין. ויין אין לו: ב המלוה את חבירו. לא ידור בחצרו חנם. ולא ישכור ממנו בפחות. מפני שהוא רבית. מרבין על השכר ואין מרבין על המכר. כיצד השכיר לו את חצירו ואמר לו אם מעכשיו אתה נותן לי

כסף: וכן השער. כך היו נמכרין בעיר והותר לו לתת מעות עכשיו ע"מ ליתן לו זה חטין כל ימות השנה כדמי' הללו בשיעור מעותיו (ד) ואף ע"פ שעכשיו אין לו חטין. דתנן בפרקין יצא השער פוסקין. אע"פ שאין לזה יש לזה ויכול המוכר הזה לקנותם עתה במעות הללו: עמדו חטין בשלשים דינרים אמר לו תן לי חטין. וזה מותר אם נתן לו חטין אבל אם פסק ליתן לו בהם יין אסור שמא יוקיר היין הואיל ואין לו יין. ואף על פי שפוסק עמו כשער היין של עכשיו וכבר יצא השער הואיל ואינו נותן לו דמים שנוכל לומר יכול הוא לקנות יין בדמים שקיבל אלא בא לעשות עליו דמי החטין חוב. ולפסוק על החוב יין. אסור אם יין אין לו דאי היה לי' יין הוה קניי לו מעכשיו לזה שבא לפסוק על החוב יין. וכי אייקר ברשותו אייקר (ה): ב מרבין על השכר. בשכר המתנת מעות השכירו': ואין מרבין על המכר. בשכר המתנת המקח. וטעמא משום דשכירות אינה משתלמ' אלא לבסוף (ו) הלכך כי שקיל מיניה סלע בחדש דהוו להו י"ב סלעים אין זה שכר המתנת מעות שהרי לא נתחייב

דכתיב כרישא ולריכות דרבנן קור' תרבית שכתוב אח"כ: (ד) רש"י ולא קאי אסור אלא איין ונקט רישא לרבותא דסיפא דיין אסור אע"ג שבא מכח פסק הראשון של חטין שהיה דרך מקח וממכר ולא דרך הלואה והתוס' הקשו עליו ופי' דלקח חטים דתנן כנוי כהעמד' מלוה שהיתה לו עליו כבר ואסור קאי גם אחטין: (ה) ואע"ג דלא נשך ולא הו"ל ריבית הואיל ואם בא לחזור קאי עלייהו כמי שפרע רש"י. ועתוי"ט: (ו) ואע"פ דקי"ל

---

אַרֶענְדִיל [פִינְף אוּנ צְוָואנְצִיג גִילְדִין] אַסוּר וְכֵן הַשַׁעַר אוּנ דֶער מֶקַח אִין גַאם אִיז אוֹיךְ גִיוֶעןן אַרֶענְדִיל אַסוּר, אוּנ רְאוּבֵן הָאט אִים גִיגֶעבִּין פָארְאוֹיס גֶעלְט אוֹיף דֶעם גַאנְצִין יָאהְר, אוּנ סַאיי וַויין וֶועט וֶוערִין וֶועלְוֶועלֶער אוּנ סַאיי עֶס וֶועט וֶוערִין טֵייעֶרֶער, זָאל שִׁמְעוֹן רֶעכֶענֶען אַרֶענְדִיל אַסוּר [אוּנ אֲפִילוּ שִׁמְעוֹן הָאט קֵיין וַויין], דָאס מָעג מֶען, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט טַאקִי שְׁפֶּעטֶער טֵייעֶרֶער וַויין, מֶעג אוֹיךְ שִׁמְעוֹן גֶעבִּין צוּ רְאוּבֵן וַויין אוֹיף אַרֶענְדִיל אַסוּר. אוּנ מִיר זָאגִין נִיט פָאר וָואס טוּהְט דָאס שִׁמְעוֹן, גֶעווים וַוייל רְאוּבֵן גִיט אִים פָארְאוֹיס גֶעלְט, אִיז דָאךְ דָאס רִבִּית [פְּרָאצֶענְט], פוּן דֶעסְטְוֶועגִין מֶעג מֶען, וַוייל רְאוּבֵן גִיט אִיצְט גֶעלְט צוּ שִׁמְעוֹן, אוּנ דֶער מֶקַח אִין גַאם אִיז אַרֶענְדִיל אַסוּר, הֵייסְט דָאס אַהַאנְדִיל, נִיט פָאר בָארְגְט, וָוארוּם עֶס אִיז גְלַייךְ וִויא רְאוּבֵן וָואלְט גִימַאכְט שִׁמְעוֹן פַאר אַשָׁלִיחַ עֶר זָאל גֵייען אִין גַאם קוֹיפִין פַאר דִי גַאנְצֶע גֶעלְט וַויין אוּנ לָאזִין לִיגֶען בַּיי זִיךְ אוּנ רְאוּבֵן זָאל פוּן זֵייא גֶעבֶּען אַגַאנְץ יָאהְר בִּיסְלַאכְוַוייז, אוּנ אַז וַויין אִיז טֵייעֶרֶער גִיוָוארִין זֶענֶען דָאךְ רְאוּבֵן'ס וַויין טֵייעֶרֶער גִיוָוארִין עָמְדוּ חִטִּין בִּשְׁלשִׁים דִינָרִין אוֹיב וַויין אִיז טַאקִי טֵייעֶרֶער גִיוָוארִין, עֶס אִיז גִיוָוארִין דְרַייסִיג גִילְדִין אַסוּר אָמַר לֵיהּ זָאגְט רְאוּבֵן צוּ שִׁמְעוֹן תֵּן לִי חִטַּי גִיבּ מִיר מַיינֶע וַויין שֶׁאֲנִי רוֹצֶה לְמָכְרָן וְלִיקַּח בָּהֶן יַיִן אִיךְ וִויל דִי וַויין פַארְקוֹיפִין אוּנ קוֹיפִין פַאר זֵייא וַויין אָמַר לֵיהּ זָאגְט שִׁמְעוֹן צוּ רְאוּבֵן הֲרֵי חִטֶּיךָ עֲשׂוּיוֹת עָלַי בִּשְׁלשִׁים דֵיינֶע וַויין אִיז שׁוֹין פַאר רֶעכוּנְט אוֹיף מִיר צוּ דְרַייסִיג גִילְדִין אַסוּר, בֶּערֶעכִין צוּ זַאמֶען וִויא פִיל גֶעלְט דִיר קוּמְט בַּייא מִיר וַהֲרֵי לְךָ אֶצְלִי יַיִן אוּנ דוּ הָאסְט בַּייא מִיר וַויין פַאר דֶעם חוֹב, אוּנ זֵייא הָאבִּין צְוִוישֶׁען זִיךְ גִימַאכְט אַמֶקַח אוֹיף וַויין אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּיגֶען מֶקַח וָואס אִיצְט אִיז אִין גַאם, שִׁמְעוֹן זָאל גֶעבִּין צוּ רְאוּבֵן וַויין אַגַאנְץ יָאהְר, פַאר דֶעם גֶעלְט וָואס קוּמְט פוּן אִים, אוֹיף דֶעם מֶקַח וָואס אִיצְט אִיז אִין גַאם, אֲפִילוּ עֶס וֶועט טֵייעֶרֶער וֶוערִין וַויין זָאל עֶר אִים אוֹיךְ גֶעבִּין אוֹיף דֶעם אִיצְטִיגֶען מֶקַח וְיַיִן אֵין לוֹ. אוּנ שִׁמְעוֹן הָאט קֵיין וַויין, טָאר מֶען נִיט, וָוארוּם אִיצְט אִיז שׁוֹין דָאס קֵיין הַאנְדִיל, וַוייל רְאוּבֵן גִיט אִים קֵיין גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַחוֹב, עֶס קוּמְט רְאוּבֵן אַחוֹב פוּן שִׁמְעוֹן, דְרִיבֶּער אוֹיב שְׁפֶּעטֶער וֶועט וַויין טֵייעֶרֶער וֶוערִין אוּנ שִׁמְעוֹן וֶועט גֶעבִּין דִיא וַויין צוּ רְאוּבֵן אוֹיף דֶעם וָואלְוֶועלִין מֶקַח, פַאר וָואס טוּהְט דָאס שִׁמְעוֹן, גֶעווים וַוייל רְאוּבֵן וַוארְט אִים דָאס פְרִיעֶרְדִיגֶע גֶעלְט, אִיז דָאךְ דָאס רִבִּית, נָאר אַז שִׁמְעוֹן וָואלְט גֶעהַאט וַויין, וָואלְט נִיט אָסוּר גִיוֶועןן, וָוארוּם רְאוּבֵן וָואלְט שׁוֹין זוֹכֶה גִיוֶועןן דִי וַויין וָואס שִׁמְעוֹן הָאט. אַז דִיא וַויין וֶוערְט טֵייעֶרֶער, אִיז דָאס רְאוּבֵן'ס וַויין טֵייעֶרֶער גִיוָוארִין, אָבֶער אַז שִׁמְעוֹן הָאט קֵיין וַויין טָאר מֶען נִיט [עתוי"ט]:

ב הַמַּלְוֶה אֶת חֲבֵרוֹ אַז רְאוּבֵן הָאט פַאר בָּארְגְט גֶעלְט צוּ שִׁמְעוֹן לֹא יָדוּר בַּחֲצֵרוֹ חִנָּם טָאר נִיט רְאוּבֵן וואהְנֶען בַּיי שִׁמְעוֹן אִין הוֹיף אוּמְזִיסְט וְלֹא יִשְׂכּוֹר מִמֶּנּוּ בְּפָחוֹת אוּנ רְאוּבֵן טָאר נִיט דִינְגֶען אַדִירָה בַּיי שִׁמְעוֹן וֶועלְוֶועלֶער וִויא שִׁמְעוֹן פַארְדִינְגְט צוּ אֵיין אַנְדֶערִין מִפְּנֵי שֶׁהוּא רִבִּית וַוייל דָאס הֵייסְט פְּרָאצֶענְט מַרְבִּין עַל הַשָּׂכָר מֶען מֶעג נֶעמֶען טֵייעֶרֶער וַוייל מֶען וַוארְט דִי גֶעלְט פוּן שְׂכִירוּת פוּן פַארְדִינְגֶען וְאֵין מַרְבִּין עַל הַמֶּכֶר אוּנ מֶען טָאר נִיט נֶעמֶען טֵייעֶרֶער וַוייל מֶען וַוארְט דִי גֶעלְט פוּן פַארְקוֹיפוּנְג כֵּיצַד וִויא מֵיינְט מֶען הִשְׂכִּיר לוֹ אֶת חֲצֵרוֹ רְאוּבֵן הָאט פַארְדִינְגֶען אַשְׁטוּבּ אִין זַיין הוֹיף צוּ שִׁמְעוֹן וְאָמַר לוֹ אוּנ רְאוּבֵן הָאט גִיזָאגְט צוּ שִׁמְעוֹן אִם מֵעַכְשָׁיו אַתָּה נוֹתֵן לִי אוֹיב דוּ וֶועסְט מִיר אִיצְט גֶעבִּין דָאס דִירָה גֶעלְט פַאר אַגַאנְץ יָאהְר

הו׳

לשלם לו שכירות עד סוף החדש. והאי דא״ל אם מעכשיו תתן לי הרי היא שלך בי׳ סלעים אי הוה מקדים ליה הוה מחיל ליה מדמי השכירו׳ ומוגר ליה בפחו׳ משוי׳. אבל גבי מכר משמשך המקח דינו ליתן המעות וכי אמר ליה אם מעכשיו תתן לי הרי הוא לך באלף זוז. הן הן דמיה וכי מטפי עלייהו לגורן. שכר המתנת מעות הוא: **מכר לו את שדהו וכו׳.** וה״ה מטלטלים וכל סחורה אם מכר לו יותר משויה בשכר המתנת מעות אסור והוי אבק ריבי׳ מדבריהם וכל אבק ריבית אם נתן אינה יוצאה בדיינים דאלו ריבית קצוצה דאורייתא יוצאה בדיינים: **ג הבא מעות וטול את שלך אסור.** הכא מותר מעות שעליך וטול שדה שלך אסור לעשות כן וכגון שאמר לו מוכר ללוקח לכי מייתי׳ מותר המעות קני מעכשיו לפיכך אסור לעשות כן שאם יאכל מוכר הפירות בתוך כך לכשיביא זה המעות נמצא שדה זו קנוי׳ לו מיום המכר וזה אכל הפירות בשכר המתנ׳ מעותיו ואם יאכל לוקח פירות מעכשיו שמא לא יביא מותר המעות ויחזור לו זה מה שקבל ונמצא שלא היתה השדה קנויה לו. דהא לכי מייתי׳ קני מעכשיו אמר ליה. והא לא אייתי. ומעות הראשונות כמלוה בעלמא היו אצל מוכר. וזה אכל פירות בשכרו:

הרי הוא לך בעשרה סלעים לשנה. ואם של חודש בחודש בסלע לחודש מותר. מכר לו את [א] שדהו ואמר לו אם מעכשיו אתה נותן לי הרי היא שלך באלף זוז אם לגורן בשנים עשר מנה אסור: **ג** מכר לו את השדה. ונתן לו מקצת דמים. ואמר לו אימתי שתרצה הבא מעות וטול את שלך אסור. הלוהו על שדהו ואמר לו אם אי אתה נותן

בקדושין פ״ג מ״ז דישנה לשכירות מתחלה ועד סוף היינו לומר שבכל יום ויום מרויח כנגד יום. נ״י: [א] שדהו. ולא תני אלירו כמו ברישא דמלתא אגב אורחי׳ קמ״ל שאם הגיע לידי כך למכור קרקעותיו שימכור שדהו ולא אלירו כדמוכחי קראי בס״פ בהר ומכר מאחוזתו וגו׳ והדר כי ימכור בית מושב:

הרי הוא לך בעשר סלעים לשנה פארדינג איך דיר דיא דירה פאר צעהן טאלער איאהר ואם של חודש בחודש אויב דו וועסט מיר געבין די דירה געלט אלע חודש בסלע לחודש זאלסטו מיר געבין אטאלער אחודש, דאס איז צוועלף טאלער איאהר מותר דאס מעג מען, אונ מיר זאגין ניט דאס הייסט פראצענט שמעון צאהלט צוויי טאלער איאהר פראצענט ווייל ראובן ווארט אים דאס געלט, ווארום דירה געלט דארף מען צאהלין אז מען האט שוין אפ געוואהנט, יעדער חודש וואס מען וואהנט אפ, דארף מען דער נאך בצאהלין די דירה געלט דארף דאך ראובן ווארטין צו שמעון דאס דירה געלט, אז ראובן זאגט אטאלער אחודש איז דאס דער מקח פון די דירה, אונ וואס ראובן זאגט אז מען וועט אים געבין באלד פאר אגאנץ יאהר וועט ער נאר נעמען צעהן טאלער, ווייל ער דארף געלט וועט ער לאזין די דירה מיט צוויי טאלער איאהר וואלוועלער אונ אמענטש מעג דאך פארקויפין זיין סחורה פאר וועלוועלער ווען ער דארף געלט מכר לו את שדהו אבער אז ראובן האט פארקויפט צו שמעון אפעלד [אדער איין אנדער זאך], דארף דאך שמעון באלד בצאהלין דאס געלט אונ ראובן דארף ניט ווארטין אויף דעם געלט ואמר לו האט ראובן גיזאגט צו שמעון אם מעכשיו אתה נותן לי אויב דו וועסט מיר איצט געבין דאס געלט, אזוי ווי מיר קומט הרי היא שלך באלף זוז איז די פעלד דיינע פאר טויזענד גילדין, אזוי ווי זיא איז ווערט אם לגורן אויב דו וועסט מיר ניט געבין איצט דאס געלט, נאר אז דו וועסט אראפ נעמען די תבואה פון פעלד אין שייער, דאמאלס וועסטו מיר געבין דאס געלט בשנים עשר מנה זאלסטו מיר געבין צוועלף הונדערט גילדין, איז דאך צוויי הונדערט גילדין פראצענט, ווייל ער ווארט אים דאס געלט פון איצט ביז ער וועט אריין נעמען די תבואה אין שייער אסור דאס טאר מען ניט: **ג** מכר לו את השדה ראובן האט פארקויפט אפעלד צו שמעון ונתן לו מקצת דמים אונ שמעון האט גיגעבין צו ראובן אביסעל געלט ואמר לו אונ ראובן האט גיזאגט צו שמעון אימתי שתרצה הבא מעות וטול את שלך ווען דו וועסט וועלין ברייננ דיא רעשט געלט אונ נעם דיין פעלד, אונ אז דו וועסט בריינגען דיא רעשט געלט וועט זיין די פעלד דיינע פון איצט אסור דאס טאר מען ניט, ווארום ווער וועט עסין די פירות פון פעלד פון היינט ביז ער וועט בריינגען די רעשט געלט, וועט ראובן עסין די פירות פון פעלד, טאמער בריינגט שמעון די רעשט געלט, גיהער דאך די פעלד צו שמעון פון דעם טאג וואס ער האט זיא געקויפט, פאר וואס האט ראובן גיגעסין די פירות, געווים ווייל ער האט גיווארט דיא רעשט געלט, האט דאך ראובן גענומען פראצענט, וועט שמעון עסין די פירות, טאמער ברייננט ער ניט די רעשט געלט, וועט דאך דיא פעלד בלייבין ביי ראובן, אונ ראובן וועט דארפין צוריק געבין צו שמעון דאס געלט וואס ער האט ביי אים גענומען ואונ די פעלד איז קיין מאהל ניט פארקויפט גיווארין צו שמעון, ווארום ראובן האט דאך גיזאגט צו שמעון אז דו וועסט בריינגען די רעשט געלט זאל זיין די פעלד פארקויפט צו דיר, אונ ער האט דאך ניט גיבראכט, איז דאך די געלט גיוועזן ביי ראובן פאר בארגט] פאר וואס האט שמעון גיגעסין די פירות, געווים ווייל ראובן האט געהאלטין זיין געלט ביז איצט צאהלט דאך ראובן פראצענט פון געלט הלוהו על שדהו או יב ראובן האט פאר בארגט געלט צו שמעון אויף זיין פעלד ואמר לו אונ ראובן האט גיזאגט צו שמעון אם אי אתה נותן

לי מכאן ועד ג' שנים הרי היא שלי. הרי היא שלו. וכך היה ביתוס בן זונין עושה על פי חכמים: ד אין מושיבין חנוני למחצית שכר. ולא יתן [כ] מעות ליקח בהן פירות למחצית שכר. אלא אם כן נותן לו שכרו כפועל. אין מושיבין [ג] תרנגולין למחצה.

הרי היא שלו. וכגון דאמר ליה הני מעכשיו. אם לא אביא לך מכאן עד ג' שנים דלאו אסמכתא היא אלא קנין גמור שע"מ מכר גמור החזיק בה מעכשיו בדמים הללו ואיזולי אוזיל גביה וזה קבל עליו שאם יחזיר לו מעותיו עד ג' שנים יקבלם והפירות יהיו מונחים ביד שליש. (ז) אם יחזיר הלוה מעותיו למלוה עד ג' שנים יתן הפירות ללוה ואם לאו יתן הפירות למלוה. שהיתה השדה קניה לו משעת הלואה ואותה הלואה דמי השדה היתה: ד אין מושיבין חנוני למחצית שכר. לא יאמר בעל הבית לחנוני הרי פירות נמכרים בשוק ארבע סאין בסלע ואתה מוכרן בחנות פרוטה פרוטה ומשתכר שאם הילך פירות ושב ומכור בחנות והריוח נחלוק. וטעמא דמלתא משום דקיימא לן הך עסקא פלגא מלוה ופלגא פקדון. שתם המקבל פרקמטיא למחצית שכר מקבל עליו אחריות חצי הקרן באונסא וזולא. הלכך ההיא פלגא כיון דמתחייב באונסין מלוה היא אצלו. שהרי הוא שומא אצלו במעות בשער השוק ודינו ליטול חצי שכר. נמצא מתעסק בחציו של בעל הבית שהיא פקדון אצלו בשכר המתנ' מעות המלוה לפיכך אסור: אא"כ נותן לו. שכר עמלו שהוא עמל בחותו החצי כפועל בטל של איתה מלאכה דבטל מינה. אם היה נגר או נפח כונה אדם רוצה ליטול ליבטל ממלאכה כבדה כזו ולעשות מלאכה קלה (ח): אין מושיבין תרנגולים למחצה.

(ז) ורישא וסיפא שוין אלא רישא מיירי בזוכי הוה רבותא למנקט בגוונ' דאסור וסיפא דבהלואה הוה רבותא למנקט בגוונא דהתיר'. ועתוי"ט: [כ] מעות כו'. ולריכא דאי תנא חנוני חנוני הוא דסני ליה כפועל בטל משום דלא נפיש טרחיה אבל מעות לקנות בהן פירות דנפיש טרחיה אימ' לא ואי תנא מעות כו' ה"א התם הוא דבעי כפועל בטל משום דנפיש טרחי' אבל חנוני דלא נפיש פרחי' אימ' סגי להו במשהו בעלמא דאפי' לא טיבל עמו אלא בציר ולא אכל עמו אלא גרוגרת אחת זהו שכרו לריכה. גמרא: (ח) רש"י והקשו בתו' דהא אמרן דלהכי אצטריך למתני' מעות אלא משום דנפיש טרחי' אימא לא סגי ליה כפועל בטל והלא למה שהיה כבדה נוטל יותר אמאי ס"ד דלא תסגי כפועל בטל ופירשו כפועל בטל היינו כיושב בטל לגמרי ופי' דבריהם דאומדין כמה רוצה ליטול פועל א' כדי לבטל ממלאכתו לגמרי דהשתא בין שעתנים לו מלאכה קלה או כבדה שיעורו שוה. ועתוי"ט: [ג] תרנגולין. אילטריך לאשמועי' דיהיב ליה מזונות דאפרוחי' אע"פ שהוא דבר

לי מִכַּאן וְעַד שָׁלֹשׁ שָׁנִים אויב דו וועסט מיר ניט צוריק געבין דאס געלט פון איצט ביז דריי יאהר הֲרֵי הִיא שֶׁלִּי זאל זיין דיא פעלד מיינע פון איצט אן, אויב שמעון וועט אים ניט צוריק געבין דאס געלט הֲרֵי הִיא שֶׁלּוֹ וועט זיין די פעלד זיינע ונאר די פירות פון די דריי יאהר דארף מען איינלייגין ביא אדריטען מענטש, אויב שמעון וועט אפ ברייגגען די געלט צו ראובן ביז די דריי יאהר, גיהער דיא פירות צו שמעון, אויב שמעון וועט ניט אפ ברייגגען דאס געלט ביז דריי יאהר זאל מען געבין דיא פירות צו ראובן] וְכֵן הָיָה בַּיְתוּס בֶּן זוֹנִין עוֹשֶׂה עַל פִּי חֲכָמִים ביתוס בן זונין פלעגט אויך אזוי פאר בארגין געלט, אונ דיא חכמים האבין גיזאגט מען מעג אזוי טאהן: ד אֵין מוֹשִׁיבִין חֶנְוָנִי לְמַחֲצִית שָׂכָר מען טאר ניט זעצין אקרעמער אויף העלפט פארדינסט, ראובן זאגט צו שמעון אין גאס פארקויפט מען פירות פיר סאה פאר אטאלער, אונ דו פארקויפסט דיא פירות אין גיוועלב ביסלאכוויז דריי סאה פאר אטאלער פארדינסטו אסאה דו האסט דאך אבער קיין געלט צו קויפין פירות, איך וועל דיר געבין פירות אין דיין גיוועלב אונ דו וועסט זייא פארקויפין ביסלאבוויז אונ מיט דעם פארדינסט וועלין מיר אונז טיילין אויף העלפט, דאס טאר מען ניט וְלֹא יִתֵּן מָעוֹת לִיקַּח בָּהֶן פֵּירוֹת לְמַחֲצִית שָׂכָר אונ ראובן זאל געבין געלט צו שמעון, ער זאל קויפין פאר די געלט פירות אונ זאל זייא פארקויפין, אונ דער פארדינסט זאל גיהערין העלפט צו ראובן אונ העלפט צו שמעון, דאס טאר מען אויך ניט, ווארום דיא געלט אדער די פירות וואס שמעון נעמט צו זיך ער זאל האנדלען מיט זיי אונ דאס פארדינסט זאל זיין אין שותפות, הייסט העלפט געלט האט ער גיבארגט אונ העלפט געלט איז ביי אים בעהאלטין. למשל ראובן האט גיגעבין צו שמעון הונדערט רובל ער זאל מיט זייא האנדלען, דער פארדינסט וועט זיין שותפות, פון פופציג רובל פארדינסט נעמט ראובן, אונ פון פופציג רובל פארדינסט נעמט שמעון, אונ אז עס וועט זיין שארין, דארף ראובן האבין שאדין פון פופציג רובל, אונ שמעון דארף האבין שארין פון פופציג רובל, אונ אויב דיא גאנצע הונדערט רובל וועט זיין שאדין וועט ראובן שאדין האבין פופציג רובל אונ שמעון וועט שאדין האבין פופציג רובל אונ וועט די פופציג רובל מוזין בצאהלין צו ראובן, דריבער דיא פופציג רובל וואס שמעון נעמט פון זייא פאר-דינסט, אונ האט פון זייא שאדין, זענען זיי ביי אים גיבארגט, פאר וואס האנדילט שמעון מיט די אנדערע פופציג רובל אונ גיט דעם פארדינסט צו ראובן, געווים פאר פראצענט ווייל ער האט אים גיבארגט פופציג רובל, דריבער טאר מען ניט אֶלָּא אִם כֵּן נוֹתֵן לוֹ שְׂכָרוֹ כְּפוֹעֵל נאר סיידין ראובן גיט צו שמעון שכירות פאר וואס ער האנדילט פאר אים מיט זיינע פופציג רובל, אזוי ווי מען גיט אארבייטער נאר ניט גאנצע שכירות, מען זעהט איין אנדער מענטש וואס גייט אין גאס אונ האט קיין ארבעט ביא וואס צו פארדינען ווי פיל ער וויל פארדינען ער זאל אוים פאר-קויפין פאר דיא פופציג רובל פירות, אזוי פיל זאל ראובן געבין צו שמעון אֵין מוֹשִׁיבִין תַּרְנְגוֹלִים לְמֶחֱצָה ראובן גיט צו שמעון צוואנציג. אייער אונ שאצט זיי אפ וויא פיל זייא זענען ווערט, אונ

שמעון

[ד] ואין שמין עגלין וסייחין למחצה. אא"כ נותן לו [ה] שכר עמלו ומזונו. אבל מקבלין עגלין וסייחין למחצה. ומגדלין אותן עד שיהו משולשין, וחמור עד שתהא [ו] טוענת: ה שמין פרה וחמור וכל דבר שעושה ואוכל למחצה. מקום שנהגו לחלוק את הולדות מיד חולקין.

מעט ולא תימא דלא קפדי ביה אינשי וה"ט שהקדימו רש"י ור"ב לפרש מזונות שלא כמקומו: [ד] ואין כו' משום סיפא דאבל מקבלין כו' תני ליה: [ה] שכר עמלו. הכא לא שייך למתני כפועל בטל דאין מתבטל להאכילם ולהשקותם אלא רגע א' ביום. אבל חנוני כל עסקו ככך דתניא בתוספתא המושיב חנוני אם הוא אומן לא יעסוק באומנתו: (ט) וקמ"ל דכשתמא אין מקבל עליו שום אחריות ולא הוי עיסקא כיון דכתחלה כשקבל עגלי' לא שמו אותם אלא לאחר שגדלו וכאין לחלק השבח או שמין אותם כמה השביחו ולהכי תני ברישא שמין וכסיפא מקבלין וכששמין בשעת קבלה סתם מקבל עליו חצי האחריות כמו בשאר עיסקא תו' וכן הדין בכלי' וככל דבר שלא קבל עליו אחריותו נ"י: (י) שאז הוא עומד בעיקר טעם בשרו: [ו] טוענת. וכן מלינו בכמה מקומות במשנה

לשום בלים בדמים לבעל התרנגולת להושיבם עליהם לגדל אפרוחים למחצית שכר מה שיהיו האפרוחים שוים יותר על דמי הבלים דהואיל וזה מקבל עליו אחריות חצי דמי הבלים אם יתקלקלו או אם ימותו הוה ליה פלגא מלוה נמצא זה מגדל את חציין השני בשכר המתנת מעותיו: ומזונו. מזון שהוא מולך באפרוחים: אין שמין עגלין וסייחין למחצה. עכשיו הם שוים כך וכך קבלם עליך לגדלם שנתים למחצית שכר ולמחצית הפסד אם ימותו: אבל מקבלים עגלים וסייחים. קטני' בלא שומא (ע) שאם ימותו לא ישלם כלום ואם יחיו יחלקו ביניהם. כשיהיו משולשים פירוש כשיעמדו על שליש גדולן (י) ואז יחלקו: ובחמור עד שתהא טוענת. משאוי. כך היה מנהגם לגדלם קודם חלוקה: ה שמין פרה. גדולה וחמור גדול שראוין למלאכה ומלאכתן כולה למקבל: למחצה. לחלוק שבח שישביחו בדמיה ובולדות: לחלוק את הולדות מיד. כשתבא שעת חליקתן. בבהמה דקה ל' יום. ובגסה חמשים יום:

שמעון זאל זעצין זיינע הינער אויף די אייער, עס זאל ווערין פון זיי הינדלאך, אונ ווי פיל די הינדלאך וועלין ווערט זיין מער וויא די אייער זאלין זיך ביידע צו טיילין, טאר מען ניט, ווייל אהעלפט [צעהן] אייער האט דאך שמעון גיבארגט, וואררום אז זיי וועלין קאליע ווערין וועט ער דארפין בצאהלין צו ראובן, פאר וואס ארבעט ער אין די אנדערע העלפט [צעהן] אייער, געוויס ווייל ער האט אים די צעהן אייער גיבארגט, איז דאך דאס פראצענט ואין שמין עגלין וסייחין למחצה מען טאר ניט שאצין קעלבער אונ אייזלען אויף העלפט אויב ראובן האט קעלבער אדער ער האט יונגע אייזלען אונ ער שאצט זיי אפ ווי פיל זיי זענען איצט ווערט, אונ ער גיט זיי צו שמעון ער זאל זייא אדעווען צוויי אדער דריי יאהר אונ ווי פיל זיי וועלין צום סוף צוויי אדער דריי יאהר מער ווערט זיין וויא איצט זאלין זייא זיך ביידע צו טיילין, טאר מען ניט, ווייל העלפט קעלבער אונ יונגע אייזלען האט דאך שמעון גיבארגט ביי ראובן, ווארום אז זייא וועלין פייגערין וועט ער דארפין בצאהלין פאר זייא. פאר וואס ארבעט ער אין דיא אנדערע העלפט קעלבער אונ יונגע אייזלען וואס גיהערין צו ראובן; געוויס פאר פראצענט, ווייל ער האט אים דיא העלפט קעלבער אונ יונגע אייזלען גיבארגט אלא אם כן נותן לו שכר עמלו ומזונו נאר סיידין ראובן בצאהלט צו שמעון פאר דיא ארבעט פון זיין העלפט, אונ ער בצאהלט אים פאר די עסין פון זיין העלפט, וואס זיין העלפט קעלבער אונ אייזלען וועלין אויף עסין אין דיא צוויי אדער דריי יאהר אבל מקבלין עגלין וסייחין למחצה אבער שמעון מעג נעמען פון ראובן קליינע קעלבער אונ קליינע אייזלען יונגע ער זאל זייא אדעווען, אויב זיי וועלין לעבין אונ גרויס ווערין זאלין זייא זיך צו טיילין מיט דעם פארדינסט וואס זיי וועלין שפעטער מער ווערט זיין וויא איצט, אונ אויב זיי וועלין פייגערין זאל שמעון גאר ניט דארפין בצאהלין האט דאך שמעון זיין העלפט ניט גיבארגט נאר אז עס וועט זיין פאר-דינסט וועט ער נעמען פארדינסט פון איין העלפט ווייל ער ארבעט אין די אנדערע העלפט ומגדלין אותן עד שיהו משולשין אונ שמעון מוז זייא אדעווען ביז זייא וועלין אויף וואקסין אדריטול, וויא זיי דארפין אויף וואקסין דאמאלס וועלין זיי זיך צו טיילין, ניט פריער וחמור עד שתהא טוענת אונ אַ אייזיל מוז ער אדעווען ביז זיא וועט קענען טראגין אמשא, דאמאלס וועלין זיי זיך צו טיילין, ניט פריער: ה שמין פרה וחמור וכל דבר שהוא עושה ואוכל למחצה ראובן מעג אפ שאצין זיין קוה אדער זיין אייזיל אדער אנדערע בהמות וואס ארבעטין אונ עסין, וויא פיל זיי זענען איצט ווערט, אונ ער גיט זייא צו שמעון, אויף צוויי אדער אויף דריי יאהר, אונ ווי פיל זיי וועלין צום סוף צוויי אדער דריי יאהר מער ווערט זיין ווי איצט זאלין זייא זיך ביידע צו טיילין, אונ דיא קעלבער אונ אייזלען וואס וועט פון זיי גיבארין ווערין אין די צוויי אדער דריי יאהר זאלין זיי אויך צו טיילין, אונ שמעון זאל ארבעטין מיט די בהמות אונ ווי פיל דיא בהמות וועלין פארדינען פון זייער ארבעט דאס זאל גיהערין אין גאנצין צו שמעון, ווייל ער אדעוועט די העלפט פון ראובן האט דאך שוין שמעון שכר פאר זיין ארבעט, ארבעט ער דאך שוין ניט פאר פראצענט וואס ראובן בארגט אים זיינע העלפט בהמות מקום שנהגו לחלוק את הולדות מיד ווא דער מנהג איז מען זאל באלד צו טיילין די קינדער וואס ווערט גיבארין פון דיא בהמות חולקין זאלין זייא באלד צו טיילין נבאלד הייסט, שעפסין ציגען נאך

